# Mani Leyb

(1883–1953)



ALSO: *Mani Leib, pseudonym of Mani-Leyb Brahinski*

BORN IN NYEZHIN, CHERNIGOV DISTRICT, northern Ukraine. Grew up in a poor family, the children (six sons and two daughters) sleeping on straw on the floor. His father traveled to fairs, buying hides of horses and cattle; he also wrote letters to America for abandoned wives and brides. But the real breadwinner was mother, trading vegetables, chickens, and eggs in the market. Until age eleven, Mani Leyb studied in heder, then was an apprentice to a shoe stitcher. Five years later became an independent shoe stitcher and employed six workers. He joined the revolutionary movement, often switching parties: first as a Ukrainian Socialist, then an S.R. (Russian Socialist-Revolutionary), then an Anarchist, then a Social-Democrat. He was arrested in 1904 but fled to England, where he published his first poems.

Mani Leyb came to America in 1905 and became the most prominent poet of the Young Generation; published poetry and poetry translations, as well as articles, in Yiddish newspapers and periodicals. He was a virtuoso of euphonious verse in nebulous symbolist tones, softened by a folksy humor, and was a major children's poet. The poetess Rachel Veprinsky was his life's companion. For many years he worked as a shoemaker in New York. He suffered from consumption and stomach ailments but eventually got an office job in the Jewish Bakers Union. In 1946, he joined the staff of the daily *Forverts* (Forwards). He was the darling of the Jewish labor movement in New York; on his sixtieth birthday they gave him a house as a gift. Several books of his poetry appeared in New York, and many editions of poems and stories in verse for children were published around the world. The two posthumous volumes of his collected poems (1955) are incomplete.

### I Have My Mama's Black Hair

## איך האָב מײַן מאַמעס שוואַרצע האָר

איך האָב מײַן מאַמעס שוואַרצע האָר און גרינע אויגן,
מײַן טאַטנס אײדעלע און דינע הענט;
און בלוט האָב איך אַזאַ, וואָס זינגט און ברענט,
דאָס בלוט פון מײַנע זיידעס, ייִדן בײַ דעם דניעפּר;
און אויף מײַן קאָפּ — די נעכט פאַרבראַכטע מיט חברים
אין בענקשאַפט נאָך דער צאַרטער, דינער לוסט;
און שאַרפע ציינער־צייכנס אויף מײַן ברוסט
פון אַ פאַרטרויטער, ציטערדיקער פרוי.

I have my mama's black hair and green eyes,
My papa's delicate, thin hands,
And blood that boils and sings,
Blood of my grandfathers, Jews on the banks of the Dnieper.
My head is crowned
By nights spent with friends
In longing for soft, thin lust,
And on my breast, the sharp toothmarks
Of an intimate, throbbing woman.



מאַקס וועבער :

# איך בין דער ווײַנריב

איך בין דער ווײַנריב דער ווילדער.
נײַ אויף בײַ דעם פּלויט פון דײַן הויף.
קלעטער אַ רויטער, אַ ווילדער
ביז דײַנע פענצטער אַרויף.

אויף דײַנע דילן זיך לייגן,
הויכן אין שאָרך פון דײַן קלייד ;
בלייכן זיך אין דײַנע אויגן,
טרויערן פון דײַנע רייד.

לויערן פון דײַנע לאָמפּן,
האַרבסטיק און גרין ווי אַ שפּין ;
אויפגיין פאַרקלערט ווי די לאָמפּן
אַשיק אין פלאַם פון קאַמין.

ליגן אַ בלייכער, אַ טויטער,
אויף דײַנע שויבן אין שניי.
שנייאיק אין שניי אַ פאַרשנייטער,
וויינען צו דיר פון דעם שניי.

1918

I am the creeper, the wild one,
Climbing your garden hedge,
Reaching, a red one, a wild one,
Up to your window ledge;

To inhale your dress' rustling
As on your floor I lay,
To pale in the light of your eyes,
To sorrow at what you say;

To lurk among your lamps,
Autumnal and green as a moth
To rise transfigured like lamps
Ashen in flames of your hearth;

To lie pale, a dead one, against
Your window-pane in the snow,
Snowy in snow, a snowman,
To moan to you from the snow.



זישאַ לאַנדױ'ן.

## שטילער, שטילער

שטילער, שטילער! רעדט ניט הויך!
שטייט געבויגן שוואַרץ און בלייך.
אײַנגעבויגענע אין פּײַן,
שווײַגט און האַלט דעם אָטעם אײַן.

פֿון דער טיפֿער נאַכט אַרויס
און פֿון קיינעם ניט געהערט,
וועט ער אויף אַ ווײַסן פֿערד
קומען שטיל צו אונדזער הויז.

פֿון זײַן לויטערן געזיכט
און זײַן קלאָרן ווײַסן קלייד
ווייען וועט אויף אונדז די פֿרייד,
פֿאַלן וועט אויף אונדז זײַן ליכט.

זײַט נאָר שטילער! רעדט ניט הויך!
שטייט געבויגן שוואַרץ און בלייך.
אײַנגעבויגענע אין פּײַן,
שטייט און האַלט דעם אָטעם אײַן.

אויב מען האָט אונדז אָפּגענאַרט,
און מען האָט אונדז אויסגעלאַכט,
און די גאַנצע לאַנגע נאַכט
האָבן מיר אומזיסט געוואַרט, —

וועלן מיר אין אונדזער בראָך
בייגן זיך צום האַרטן דיל
און מיר וועלן שווײַגן שטיל,
שטילער נאָך און שטילער נאָך.

זײַט זשע שטילער! רעדט ניט הויך!
שטייט געבויגן שוואַרץ און בלייך,
אײַנגעבויגענע אין פּײַן,
שטייט און האַלט דעם אָטעם אײַן . . .

*Written in 1914, this poem was read as an aesthetic call for modulation against the fervid oratory of the earlier Yiddish labor or sweatshop poets. It invokes, also, the classic posture of the diaspora Jew, eternally poised in expectation of the Messiah.*

## Hush

Hush and hush—no sound be heard.
Bow in grief but say no word.
Black as pain and white as death,
Hush and hush and hold your breath.

Heard by none and seen by none
Out of the dark night will he,
Riding on a snow-white steed,
To our house come quietly.

From the radiance of his face,
From his dress of shining white
Joy will shimmer and enfold;
Over us will fall his light.

Quieter—no sound be heard!
Bow in grief but say no word.
Black as pain and white as death,
Hush and hush and hold your breath.

If we have been mocked by them,
If we have been fooled again
And the long and weary night
We have waited all in vain,

We will bend down very low
To the hard floor, and then will
Stand more quiet than before,
Stiller, stiller and more still.

*Marie Syrkin*

## קום, פשטות...

קום, פשטות קלאָרע, מיט דיין בלאַנקן מעסער,
שנייד אויף דעם שוואַרצן פּלאָנטער פון מיין זעל;
מיין וועלט פון אונטער טונקעלע און שווערע שלעסער
זאָל אויפשטראַלן פאַר מיר, ווי זונען פאַר מיין שוועל.

און וואָס אין טיפער פינצטערניש פון מיינע אויגן
איז בלינד, פאַרוואַלגערט געווען, פאַרהוילט און פרעמד,
זאָל ווערן קלאָר פאַר מיר, ווי ליכט פון רעגנבויגן
און ווי דאָס ווייסע לייוונט פון מיין העמד.

און אַלע לעבעדיקע און ניט לעבעדיקע זאַכן,
וואָס ליגן ווייט פון מיר און אָפּגעווענדט —
דערנענט, דעק אויף זיי דייַנע וואַסער-פלאַכן,
ווי מיינע ליבע צען פינגער פון די הענט.

און אויף מיין ענגער ערד פון ניט-דערשעפּטן טרויער
די שטים פון אַלן, וואָס ליגט אין צער געשמידט,
ווי בלוט צו בלוט זאָל קלינגען צו מיין אויער
און אין מיין וואָרט געלייטערט דורך מיין ליד.

## COME, SERENE PLAINNESS

Come, serene Plainness, with your bare blade cut
Through my soul's black entanglements until
My world, from heavy, sullen fetters freed,
Shines like a burst of sun upon my sill;

So all my eyes found blind, hidden and strange,
In murky darkness covered and remote,
Will suddenly grow clear like rainbow light,
Or like the linen whiteness of my coat.

And all of living, all not living things
Now severed and apart from me, bring near;
Make them transparent like pure water's flow,
Close like my hands' ten fingers and as dear.

Then from the tight cell of my narrow grief
The voice of all who suffer rising strong
Will cry to me like kin to kindred crying,
Will ring out cleansed, transmuted in my song.

## זיבן ברידער

מיר זיינען זיבן ברידער,
מיט גרויע און מיט בלויע אויגן.
דריי ברידער זיינען ווי טאָפּאָלן,
בייגיק, הויך און שלאַנק,
מיט פאַרריסענע, שיינע, שטאָלצע קעפּ.
דריי ברידער זיינען ווי די צוקערביימער,
מיט די זיסע וואָרצלען אויף דער ערד.
און איך — דער זינגער פון דעם ליד —
איך בין אַ גרינע ווערבע אינם ווינט.

און אונדזער טאַטע איז געשטאָרבן, —
וויי איז אונז, וויי איז אונז! —
ווי אַ דינער דעמב אויף אַ דאַרער ערד.
זיינען מיר, די אַלע זיינע זין,
אין צער פון יענעם רעגנדיקן טאָג
פון נעבל אויפגעשטאַנען;
און מיט די וויינענדיקע הענט מיט רעגן
געלייגט אויף זיינע אויגן שוואַרצע שערבלעך,
דעם ליים דעם רויטן פון לאָנג איילאַנד
אויף זיין גרוב מיט לאָפּעטעס געשאָטן,
און צוקאָפּנס פון זיין גרוב

### Seven Brothers

We are seven brothers
With gray and blue eyes.
Three brothers like poplars,
Supple, slender and tall,
With haughty, beautiful heads.
Three brothers like maple trees,
Their sweet roots in the earth.
And I -- the singer of the song --
A green willow in the wind.

And our father died --
Woe to us, woe to us! --
Like a thin oak on a parched soil.
And we, his seven sons,
Arose from the grey mist
In the grief of that rainy day,
And with weeping hands soaked with rain
We lay black shards on his eyes.
Spades in hand, we filled his grave
With the red clay of Long Island,
And we placed a little board
At the head of his grave.

אויפגעשטעלט א שטיקל ברעטל.
און ווי אַן אויפגעטרייסלט וועלדל,
אין אומגליק פון ווינטן,
האָבן מיר, די אַלע זיבן ברידער,
געשריען אויף איין קול:
יתגדל ! ! !

און אין יענעם רעגנדיקן טאָג
האָבן מיר, די אַלע זיבן ברידער,
מיט גרויע, בלויע טרויעריקע אויגן,
געזעגנט זיך ביים טויער פון ניו־יאָרק.
און יעדער ברודער פון די זיבן ברידער
איז באַזונדער
אויף באַזונדערע
אויף זיבן עוועניוס אַוועק.

## מיין טאַטע

שבת־אויסעס, נאָך הבדלה
ביי דעם סאַמאָוואַר דעם קאַלטן,
אין זיין האַנט זיין באָרד א שטאַלע,
אין דער באָרד זיין זאָרג באַהאַלטן,

שטייט ער אויף דעם יאָך צו טראָגן:
ווישט די שויב און מעסט די שטערן,
שפּאַנט אין הויף דאָס פערד און וואָגן,
אויף ירידן נעלם ווערן;

אַז אין שטיבל בלייבן אונדז בלייבן
וואָך און קינדער, נויט אין ווינן.
נאָר די מאַמע פלעגט פאַרטרייבן
צער און צרות מיט א ניגון.

זונען אויף די פענצטער הענגען.
פרייטיק קומט ער פון יריד׳ן
און צו אונדז אין שטיבל ברענגען
פרייד און ריחות, ברויט און פרידן:

ווייב און קינדער — זיין עשירות,
איינן ביסל בלוט אינאיינעם, —
שבת־ליכט און אונדזערע זמירות
ברענגט צום פענצטער אַלע שכנים.

Like a shaken grove
Surrendered to blowing winds,
We seven brothers
Cried out with one voice:
Yisgadal!

And on that rainy day,
We seven brothers
With gray and blue, sad eyes,
Parted at the gates of New York.
And each of the seven brothers
Separately went
His own separate way
On seven separate avenues.

## My Papa

On a sad Shabbos night, after *Havdolah*
At the cold samovar,
In his hand his thin beard,
In his beard his worry hidden,

He stands up to bear the yoke:
Wipes the windowpane and measures the stars,
Harnesses horse and wagon in the yard,
To vanish in the market towns.

And he left behind in the hut:
Weekdays, children, need in cradles.
But Mama would chase out all the
Grief and sorrow with a tune.

Suns hanging on the windows.
Friday he comes back from the fairs
And brings to our hut
Joy and fragrances, bread and peace:

Wife and children -- his treasure,
His own bit of blood together. --
Shabbos candles and our songs
Draw all the neighbors to the windows.

אויפגעשטעלט א שטיקל ברעטל.
און ווי אן אויפגעטרייסלט וועלדל,
אין אומגליק פון ווינטן,
האבן מיר, די אלע זיבן ברידער,
געשריען אויף איין קול:
יתגדל ! ! !

Like a shaken grove
Surrendered to blowing winds,
We seven brothers
Cried out with one voice:
**Yisgadal!**

און אין יענעם רעגנדיקן טאג
האבן מיר, די אלע זיבן ברידער,
מים גרויע, בלויע טרויעריקע אויגן,
געזעגנט זיך ביים טויער פון ניו־יארק.
און יעדער ברודער פון די זיבן ברידער
איז באזונדער
אויף באזונדערע
אויף זיבן עוועניוס אוועק.

And on that rainy day,
We seven brothers
With gray and blue, sad eyes,
Parted at the gates of New York.
And each of the seven brothers
Separately went
His own separate way
On seven separate avenues.

*Brownsville, a district in Brooklyn, was the location of many small shoe factories during the early years of Jewish settlement in America. Yehupets is the fictional name of a city adopted by Sholem Aleichem to represent Kiev.*

## איך בין . . .

איך בין מאַני לייב, וויַיט און ברייט אַ באַוווּסטער,
פֿון בראָנזוויל ביז יעהופּעץ — העט;
מיט אַלע שוסטער — אַ גוטער שוסטער,
מיט אַלע פּאָעטן — אַ גוטער פּאָעט.

אַ יינגל ביַים ווערקשטעל, ביַי דער שווערער קאַפּילע,
אין נעכט פֿון לבֿנות — אַ מאָל, אַ מאָל,
איז צו מיַין האַרצן אַרונטער אַ ליד ווי אַ תּפֿילה,
און פֿון דער האַנט איז געפֿאַלן די אָל.

דאָס איז גנעדיק די ערשטע מוזע געקומען
און געקושט די ליפּן ביַים שוסטער־יונג,
און איך האָב יענעם זיסן שוידער פֿאַרנומען,
וואָס גיט דאָס וואָרט צו דער שטומער צונג.

און מיַין צונג איז געוואָרן צו אַ קוואַל אַ קלאָרן,
און מיַין ליד האָט אויפֿגעהילכט ווי פֿון ניט הי;
און מיַין ענגע וועלט איז מיר אָפֿן געוואָרן,
און זיס איז געוואָרן מיַין ברויט און מי.

די שוסטער־יונגען, די געטריַיע געזעלן,
זיי האָבן געגאַפֿט, ווי איך זינג מיט גוסט.
זייער ביטער האַרץ איז מיַין ליד געפֿעלן,
נאָר צו וואָס איך זינג האָבן זיי ניט געוווּסט.

## I Am . . .

I am Mani Leyb, whose name is sung—
In Brownsville, Yehupets, and farther, they know it:
Among cobblers, a splendid cobbler; among
Poetical circles, a splendid poet.

A boy straining over the cobbler's last
On moonlit nights . . . like a command,
Some hymn struck at my heart, and fast
The awl fell from my trembling hand.

Gracious, the first Muse came to meet
The cobbler with a kiss, and, young,
I tasted the Word that comes in a sweet
Shuddering first to the speechless tongue.

And my tongue flowed like a limpid stream,
My song rose as from some other place;
My world's doors opened onto dream;
My labor, my bread, were sweet with grace.

And all of the others, the shoemaker boys,
Thought that my singing was simply grand:
For their bitter hearts, my poems were joys.
Their source? They could never understand.

און געררייצט פֿון אומעט אין מיזאַמען לעבן,
האָבן זיי מיט חוזק מיך אויסגעשפּעט,
און אויף אייביק אַ צונאָמען מיר געגעבן:
גראָם־שטראָם לאַטוטניק, גראָם־שטראָם פּאָעט.

איז זייט מיר געזונט, מײַנע טײַערע ברידער,
בײַם ווערקשטעל מיט אײַך — גייט מיר ניט אײַן.

אין האַרצן די מוזע, אין בוזעם לידער —
איך גיי צו פּאָעטן אַ פּאָעט צו זײַן.

און אַז איך בין צו די פּאָעטן געקומען, —
אַ פֿויגל אַ קליינס און אָקאָרשט פֿון איי, —
האָבן זיי מיט גרויס כּבֿוד מיך אויפֿגענומען,
און איך בין געוואָרן איינער פֿון זיי.

אַך, פּאָעטן, זינגער ווי די פֿייגל פֿרײַע! —
באַגײַסטערט און בלייך און מיט אונדזער ליד,
מיר האָבן געזונגען פֿון שיינקייטן נײַע,
ווי די בעטלער הפֿקר אויף אַ יריד.

און מיר האָבן געזונגען און די וועלט פֿאַרקלונגען,
די הערצער באַצווונגען פֿון העק צו העק,
געריסן די לונגען און דעם הונגער געשלונגען, —
אַז ניט איינער פֿון אונדז איז פֿון דער וועלט אַוועק.

און גאָט, וואָס ער שפּײַזט אַפֿילו דעם וואָרעם,
איז זײַן גנאָד צום פּאָעט געווען ניט גרויס.
בין איך מיר צוריק אַוועק באָרוועס און אָרעם
צום ווערקשטעל עסן מײַן ברויט אין שווייס.

און אַ דאַנק דיר, מוזע, פֿאַר דײַן גרויסער מתּנה,
כאָטש אין דײַנע שפּײַכלערס איז קיין ברויט ניטאָ.
און בײַ דער קאַפּילע נאָר מיט ריינער כּוונה
זאָל איך דיר דינען ביז מײַן לעצטער שעה.

און מײַן נאָמען זאָל זײַן ווײַט און ברייט באַוווסטער,
אין בראָנזוויל — יעהופּעץ און ווײַטער, העט —
און אַ דאַנק וואָס איך בין ניט קיין פּאָעט אַ שוסטער,
וואָס איך בין אַ שוסטער אַ פּאָעט.

For despair in their working day's vacuity
They mocked me, spat at me a good deal,
And gave me the title, in perpetuity,
Of Purple Patchmaker, Poet and Heel.

Farewell then, brothers, I must depart:
Your cobbler's bench is not for me.

With songs in my breast, the Muse in my heart,
I went among poets, a poet to be.

When I came, then, among their company,
Newly fledged from out my shell,
They lauded and they laureled me,
Making me one of their number as well.

O Poets, inspired and pale, and free
As all the winged singers of the air,
We sang of beauties wild to see
Like happy beggars at a fair.

We sang, and the echoing world resounded.
From pole to pole chained hearts were hurled,
While we gagged on hunger, our sick chests pounded:
More than one of us left this world.

And God, who feedeth even the worm—
Was not quite lavish with his grace,
So I crept back, threadbare and infirm,
To sweat for bread at my working place.

But blessed be, Muse, for your bounties still,
Though your granaries will yield no bread—
At my bench, with a pure and lasting will,
I'll serve you solely until I am dead.

In Brownsville, Yehupets, beyond them, even,
My name shall ever be known, O Muse.
And I'm not a cobbler who writes, thank heaven,
But a poet who makes shoes.

*John Hollander*

## Mani Leyb (Brahinski; 1883-1905-1953)

### אויף דער פינפטער עוועניו

אויף דער פינפטער עוועניו, אין אַ ווייסן טויער,
אין אַ ווייסן טויער, אויפ'ן דרייצנטן שטאָק,
נייען מיידלעך און וואַרטן אין דער בלייכקייט פון טרויער,
אויפן פוילן סיגנאַל פונם אָוונט־גלאָק.

נאָר דער גלאָק. שלאָפט פויל אין אַ זומפּ פון שטונדן,
און דער טאָג ליגט קראַנק אין דעם שטיין פון ווענט,
און די נאָדלען וויינען און באַוויינען וואונדן,
און דער זייד שאָרכט, שאָרכט אין די מיידלשע הענט.

ווייסער זייד, ראָזער זייד, פיאָלעטער און בלויער,
און די נאָדלען וויינען דין, דין און טויב.
און די זון אויף די פענצטער אין דער בלייכקייט פון טרויער
קריכט אין הייסע זיילן פון גרינעם שטויב.

און די נאָדלען וויינען און באַוויינען וואונדן.
און דער זייד שאָרכט, שאָרכט אין די מיידלשע הענט
און דער טאָג ליגט קראַנק אין די וואונדן פון שטונדן,
איבער מיידלשע הענט, אינם שטיין פון די ווענט.

### On Fifth Avenue

In a white building on Fifth Avenue,
On the thirteenth floor of a white building,
Girls sew and wait in the whiteness of sorrow
For the evening bells lazy ringing.

But the bell naps listless in the thick hours
And the day lies ill in the stone of the walls
And the needles whine and cry the wounds out
And the silk in girls' hands rustles, rustles.

White silk, pink silk, violet and blue;
And the needles whine, deaf and thin.
And on the windows in the whiteness of sorrow
The sun crawls from green dust in hot columns.

And the needles whine and cry the wounds out.
And the silk in girls' hands rustles, rustles.
And the day lies ill in the wounds of the hours,
Over the hands of girls, in the stone of the walls.

Roskies 5506

Return to the Past

# Yingl Tsingl Khvat

by **Mani-Leib**
Translated by Jeffrey Shandler

**Illustrated by El (Lazar) Lissitzky**

האָב אַ מעשה׳לע אַ שעהנע,
פאַר די קינדער מײַנע קליינע.
זײַט זשע, קינדער, שטיל און שאַ׳
ס׳איז מײַן מעשה׳לע אַזאַ:



ערגעץ ווײַט, ווייט, ווײַט פון דאַנען,
צוצוקומען ניט מיט באַנען,
ניט מיט שיפן, ניט מיט פערד —
ערגעץ אויף אַ ווײַטער ערד

האָט אַ טאל זיך דאָרט געפונען.
און אין טאָל איז דורכגערונען,
ווי אַ שנירל ווײַט און גלײַך,
ווײַט און גלייך, אַ קליינער טײַך.

און בײַם טײַך פון ביידע ברעגן,
זיינען שטיבער פיל געלעגן,
שטיבער, גאַסן און אַ מאַרק,
און בײַם זייט פון מאַרק אַ באַרג.

און די גוים און די אידן
האָבן דאָרט געלעבט צופרידן.
ווער אין פרייד און ווער אין נויט,
יעדער האָט געהאַט זײַן ברויט.



## Translator's Note

In Yiddish stories for children a character named Yingl Tsingl occasionally appears. Often he is very small, like Tom Thumb in English children's tales. The word *khvat* describes a special kind of person—plucky and daring. As you will see, the hero of Mani-Leib's poem, even though he is a small boy, proves to be a brave and adventuresome fellow, worthy of his name.

J.S.

I have a story here to tell
To all my children—you as well.
Hush, dear friends, be very still—
Hear my story, if you will.

There's a land that's quite remote,
Beyond the reach of train or boat;
Even traveling by horse
couldn't bring you there on course.

In this far-off land we find
A valley, and right through it winds
A river, stretching like a string,
Thin and straight as anything.

Near the river, on each shore
Stand some houses, and, what's more
There are streets, a market too,
And a mountain in full view.

Jews and Christians live like brothers,
Sharing, helping one another,
Always glad to lend a hand—
All's well in this far-off land.

Then, it happened, one fine day,
That the summer went away—
Well, now, what is there to fear?
Summer runs off every year!

Winter comes before you know;
Covers everything with snow—
Houses, mountain, marketplace—
All entwined with frosty lace.

All about the world is bright
In its dress of snowy white;
Just like this the valley stays
'Til Pesach comes—and milder days.

Peasants come from all around,
Driving sleighs right into town.
Every sleigh is piled high
With geese and wood, with hay and rye.

Jews are running everywhere,
Selling here and buying there,
Faces shining as they say,
"What a splendid market day!"

האָט זיך אײַנמאָל דאָרט געטראָפֿן,
אַז דער זומער איז אַנטלאָפֿן.
נו, איז וואָס איז דאָ דער שרעק,
אַז דער זומער לויפֿט אַוועק?

נאָכן זומער קומט דער ווינטער,
קומט דער ווינטער און באַשפּינט ער
שטיבער, באַרג און מאַרק און פּליץ
אין אַ שנייאיג-ווײַסן קלייד.

ווײַס און ליכטיק אַ פֿאַרשנייטער,
און אַ ווײַטער און אַ ברייטער.
שטעהט אַזוי דער ווײַטער וועג
ביז די לינדע פּסח-טעג.

גוים קומען זיך צופֿאָרן;
פֿירן פֿולע שליטענס קאָרן,
גענז און האָלץ, און שטרוי, און היי.
אָנגעלאָדן אָט אַזוי.



אידן שמײַען אום און לויפֿן,
דינגען, קויפֿן און פֿאַרקויפֿן;
יעדן אידענס פּנים שײַנט:
ס'אַ מאַרק אַביסל הײַנט!





חברה לויפן אויף די גליטשן,
מאַכן קונצן, היכן קוויטשען,
און דער אײַז איז בלוי און ווייך,
ווי דער הימל אין דער הייך.

שקצים אין די גרויסע היטלאַך
פליהען באַרג אַראָפּ אויף שליטלאַך
מיט אַ פייף און אַ געשריי,
קוליע, קוליע-און אין שניי!

אינגלאַך ראַיען זיך און שלעפּן,
קײַקלען קלעצער שניי און קלעפּן
פּעטער שנייער׳ס גוט און וואויל,
מיט אַ נאָז און מיט אַ מויל.

שטעהט אַ אינגל ביי דעם טויער,
רייבט דעם אויער: פּעטער שנייער,
זאָלסט אַזוי ביז פּסח שטעהן,
ביז מען דאַרף אין חדר געהן.



Children sliding on the ice,
Fool around, with squeaks and cries,
And the ice is blue and soft,
Like the heavens there aloft.

And the Gentile boys with caps
Run on sleds downhill, perhaps,
With a whistle, scream and go,
Rolling, rolling in the snow!

Jewish boys, not really older,
Roll the snow into a boulder,
Shape a snowman till he grows,
With a mouth and with a nose.

Stands a boy beside a gate,
Rubs his ear: You snowman, wait,
Wait till *Pesach* and keep cool,
Till we have to go to school.

But this year, as it turned out,
Winter never came about.
It was damp and dark as pitch—
Just like living in a ditch!

How the rains did fall and fall—
Winter wasn't there at all.
There wasn't any snow to see—
Snow had simply ceased to be.

And the market turned to muck.
Take one step, and you'd get stuck.
Try to travel, if you please—
Streets oozed right up to your knees!

A peasant with his horse and cart
Tried to cross the mud-filled mart;
Cracked his whip, "I won't be stopped!"
Poor horse—pulled until it dropped.

Then, a coachman passing through
Got his wagon stuck there, too.
How he ranted, how he cursed!
But he sank down all the worse.

All the little boys in school
Studied late, as was the rule.
But to cross the mud at night
Gave them all an awful fright.



בער דאָס איז פאַרגעקומען,
אַז דער ווינטער איז געקומען
נאַס און פינסטער, ווי אַ גרוב,
כאָטש ניט גײה אַרויס פון שטוב.

און אַ רעגן האָט געגאָסן
ניט ווי ווינטער, נאָר ווי אָסיען,
און קײַן שניי איז ניט צו זעהן,
ווייל קיין שניי איז ניט געווען.

בלאָטיג איז אין מאַרק געוואָרן
ניט צו געהן און ניט צו פאָרן;
געהן און פאָרן—וואו און ווי,
אַז ס'איז בלאָטע ביז די קניה.

ווערט אַ גוי אין מאַרק פאַרטראָגן,
בלייַבט אין בלאָטע שטעהן זיין וואָגן,
שעלט דער גוי, זיין בייטשל קנאַלט,
שלעפּט דאָס פערדל, ביז עס פאַלט.

פאָרט אַרויס אַ בעל-עגלה,
וויאָקעט, נאָקעט—מיט אַ קללה,
צי מיט גוטן—פערדלאַך, פאָרט,
און די פערדלאַך, ניט פון אָרט!



און די אינגלאַך, ווי דער סדר,
לערנען ווינטער שפּעט אין חדר;
האָבן זיך געשראָקן שטאַרק
געהן אין בלאָטע דורכן מאַרק.





אָבן מענשן פיל געטרויערט,
וואָס די בלאָטע לאַנג געדויערט.
וואָס קיין שניי איז ניט צו זעהן;
און קיין שניי איז ניט געווען.

האָבן מענשן זיך דערשראָקן,
גוים קלינגען אין די גלאָקן,
אידן טיאָפּקענען אין שול,
אַז די גרויסע שול ווערט פול.

און די אינגלאַך פון דעם חדר,
יעדער אינגל טוט אַ נדר:
שניי געטרייער, קום שוין, קום!
איך וועל ווערן גוט און פרום.

קויפט קיין אינגל ניט קיין בייגל.
קויפן פליהט ער, ווי אַ פויגל,
אַ לאַמטערן פון פּאַפּיר,
רויט און לויטערן קאָליר.

נו, איז דאָרט געווען אַ אינגל,
האָט מען אים גערופן צינגל,
צינגל כוואַט—און צינגל כוואַט
האָט קיין מורא ניט געהאַט.

ער פלעגט לאַכן: אַ לאַמטערן!
כ'האָב קיין מורא ניט פאַר בערן,
וועל איך מורא האָבן געהן
דורכן מאַרק ביינאַכט אַליין?

אינגלאַך זיצן, הערן, שווייגן.
אַלע ווייסן גוט, אַז לייגן
צינגל כוואַט וועט קיינמאָל ניט,
ער איז דאָך ניט יוקל שמיד!



Townsfolk now began to grieve,
For the mud refused to leave,
And there was no snow to see,
As if the snow had ceased to be.

They grew more and more afraid—
Night and day the Jews all prayed,
Filled the synagogue with singing;
Christians set the churchbells ringing.

Things were getting serious now—
Schoolboys took a solemn vow:
"Come, dear snow, and if you do,
I promise I'll be good and true."

They bought no rolls or other treats;
Now, they hurried through the streets
Buying lanterns—red and bright,
To guide them through the town at night.

Well—something else this town has got
Is a boy named Tsingl Khvat.
A special fellow, this boy Tsingl,
You see, he didn't fear a single

Thing at all—He said, "Who cares?
You think we'll be attacked by bears?
Who needs a lantern? Not for me!
I'd rather go my own way, see?"

The other fellows sat and stared:
"Could our Tsingl not be scared?"
What Tsingl said was always true—
So they asked, "What would he do?"

That night, the clock began to chime.
The rebbe said, "Well, now, it's time
For boys to set out on their way—
School is finished for the day."

No sooner had the rebbe spoken
But the evening's calm was broken.
Boys began to yell, to fight:
"Who can give my lamp a light?"

Then they all went out together
In the wet and gloomy weather.
Though their lamps shone red and bright,
Each was trembling with fright.

All at once, a little tot
Spoke up, "Where is Tsingl Khvat?"
They called, "Tsingl, are you there?"
But Tsingl wasn't anywhere.

They looked up, and they looked down
'Til, in the middle of the town
They saw Tsingl fall down, plop!
In the mud, from toe to top.

What an uproar! What to—do!
One boy shouted, "I'll save you!"
But he wasn't brave enough
To wade through all that muddy stuff.

Tsingl sang out happily,
"I like the mud! Just let me be!"
But though he tossed and squirmed about,
Tsingl couldn't wriggle out.

All the boys cried, "Tsingl, Tsingl!"
They should help, but every single
Boy knew all too well the rule:
Come straight home right after school!



און אין אָוונט, ווי דער שטייגער
קוקט דער רבי אויפן זייגער,
און ער זאָגט אַרויס'עט קוים:
קינדער, נו, שוין צייט, אַהיים! —

ווערט אַ טומל, טויב צו ווערן:
— בערל־רעדל, מיין לאַמטערן,
גיב מיר פייַער — קאָפּל־האָן,
צינד מיר מייַן לאַמטערן אָן!

לאָזן אינגלאַך זיך צוזאַמען,
די לאַמטערנס-רויטע פלאַמען.
פינסטער לייַכטן זיי דעם וועג,
און זיי ציטערן פון שרעק.

פּלוצלינג טוט אַ פרעג אַ אינגל:
קינדער, וואו איז איצטער צינגל?
צינגל דאָרט און צינגל דאָ,
צינגל איז מיט זיי ניטאָ.

קוקן זיי אין אַלע זייטן —
פּלוצלינג זעהען זיי פון ווייַטן,
צינגל טוט אַ פאַל, אַ כליאָפּ,
און אין בלאָטע ביזן קאָפּ!

ווערט אַ ליאַרעם. שרייט אַ אינגל:
— וואַרט אויף מיר א רגע, צינגל!
און צו צינגלען צוצוגעהן
שרעקט דאָס אינגל זיך אַליין.

צינגל שטעהט אין בלאָטע פרעהליך
און צעזינגט זיך פרעהליך: הולקן!
וואַרפט זיך, דרעהט זיך, ציהט זיך אויס,
קאָן פון בלאָטע ניט אַרויס.

ווערט אַ יאָמער: צינגל, צינגל!
אָבער יעדער חדר־אינגל,
האָט ער אָפּגעלערנט קוים,
דאַרף ער קומען באַלד אַהיים.

בלייבט אין בלאָטע צינגל שטעקן.
אָבער צינגל וועט זיך שרעקן?!
צינגל קלערט צו זיך אַליין:
כ׳וועל אַזוי ביז מאָרגן שטעהן,

כ׳וועל אַזוי אין בלאָטע שלאָפן...
אָבער דאָ האָט זיך געטראָפן:
דורכ׳ן מאַרק אַ פּריץ רייט,
זעהט ער צינגלען פון דער ווייט.



לאָזט דער פּריץ זיך פון ווייטן
אויף זיין גוטן פערד צו רייַטן --
און פאַר צינגלען-איינס, צוויי, דרייַ,
שלעפּ-און צינגל איז שוין פריי!

און דער פּריץ איז אַ גוטער,
טוליעט צינגלען אין זיין פוטער.
אָבער צינגל זיצט און ברענט —
רייסט זיך פון דעם פּריצ׳ס הענט.

און דער פּריץ קנייטשט זיין שטערן:
- ווי, דו האָסט ניט קייַן לאַמטערן?
געהסט אַזוי אַליין בייַנאַכט?
האָט זיך צינגל הויך צעלאַכט:

-- אַ לאַמטערן, אַ לאַמטערן,
כ׳האָב קייַן מורא ניט פאַר בערן,
וועל איך מורא האָבן געהן
דורכן מאַרק בייַנאַכט אַליין?!

לאַכט דער פּריץ. ס׳אַראַ אינגל!
זאָג מיר, ווי מען רופט דיך? צינגל
האָט קייַן מורא ניט געהאַט
און ער ענטפערט: צינגל כוואַט!

איז דעם פּריץ שטאַרק געפעלן,
וואָס אַ אינגל זאָל זיך שטעלן
פאַר אַ פּריץ איינס און צוויי;
און דער פּריץ זאָגט אַזוי:

Deep in mud our Tsingl stayed;
Now, would he become afraid?
Tsingl told himself, "Ho-hum,
I can wait 'til morning comes.

I'll just go to sleep here, out
of doors—" But then, it came about:
A nobleman rode by—what luck!
And saw that Tsingl Khvat was stuck.

He drove his horse straight into town.
Then, from his mount, the man reached down,
Stretched his hand out—one, two, three—
And pulled up Tsingl—he was free!

This nobleman was kind and good;
He held him as a father would.
But Tsingl didn't want to stay
And tried to pull himself away.

The man asked Tsingl, "Tell me, now,
I see you have no lantern! How
Then do you find your way at night?"
Tsingl laughed with all his might.

"Lantern?" Tsingl said, "Who cares?
You think I'll be attacked by bears?
Who needs a lantern? Not for me!
I'd rather go my own way, see?"

The noble asked him, "Are you sure?
Can it really be that you're
Not scared at all?" "No, sir, I'm not—
That's why they call me Tsingl Khvat."

That some boy could be so much
At ease before a noble such
As he was, made the man so glad
That he told this brave young lad,



כ׳בין שוין גרוי און אַלט געוואָרן,
בין אַ וועלט שוין אויסגעפאָרן,
און אַ אינגל אַזאַ ברען,
האָב איך ערגעץ ניט געזעהן.

און אַז דו זאָלסט מיך געדענקען,
וויל איך אַזאַ זאַך דיר שענקען,
וואָס די וועלט האָט ניט געהאַט.
שווייַג און הער זשע, צינגל כוואַט.

כ׳האָב דעם פערד, ער קאָסט מיר טייַער,
ער איז לויטער פלאַם און פייַער —
פליהען פליהט ער, ווי אַ פייַל,
אין אַ רגע דרייַצעהן מייַל.

און איך האָב אַ כשוף-רינגל,
אַזאַ רינגל פאַר אַ אינגל!
טוסט אים זיבן מאָל אַ דרעה,
און עס הויבט אָן געהן אַ שניי.

און דו קאָנסט אַליין זיך שטעלן,
וועלכע זאַך איז דיר געפעלן:
צי דאָס רינגל, צי דאָס פערד —
אָבער ניט קיין סך געקלערט!

צינדט זיך אָן אינגאַנצן צינגל
— פערד צי רינגל, פערד צי רינגל?
און ער ענטפערט, ניט געקלערט:
כ׳וויל דעם רינגל מיט דעם פערד!

לאַכט דער פריץ: ס׳אַראַ אינגל
ביסטו, צינגל... און דעם רינגל
גיט דער פריץ צינגלען אָפּ,
און ער שפּרינגט פון פערד אַראָפּ.

און גיט צינגלען אָפּ די לייצע
און פּאַטשט צינגלען אָן אין פּלייצע.
צינגל קוקט: אָט-אָט-אָ-טאָ,
און דער פריץ איז ניטאָ.

זשמורעט צינגל צו די אויגן,
וויאָ! און לאָזט זיך פייַל פון בויגן
מיטן רינגל דורכן מאַרק,
דורכן מאַרק און אויפן באַרג.

טפּרו! דאָס פערד בלייבט שטעהן, און
צינגל
טוט אַ נעם דעם כישוף-רינגל,
טוט-אים זיבן מאָל אַ דרעה,
און עס הויבט אָן געהן אַ שניי.



"I'm old and grey, as you can see,
I've traveled far—It seems to me,
Though, such a boy, so bright and clever
I have never met—not ever!

I want you never to forget
Me, lad, so if you will, do let
Me give you something that I've got
That no one else has, Tsingl Khvat.

I've a horse so very rare,
Runs as if he flies on air,
Like an arrow from the bow—
That's how quickly he can go.

I also have a magic ring
That does the most amazing thing—
Just turn it seven times around,
And snow starts falling to the ground.

So, my boy, I'll let you choose
Which thing would you like to use?
Ring or horse, whichever one—
It's yours no sooner said than done!"

"Horse or ring—which one?" thought Tsingl.
How his mind began to tingle!
"Magic ring or flying horse?"
So he answered, "Both, of course!"

The nobleman dismounted, and
He took the ring from off his hand.
"You're quite a fellow, I must say,
Dear Tsingl! Now, be on your way."

He gave the horse a hearty slap,
And Tsingl shouted, "Giddyap!"
To say good-bye he turned around—
The man was nowhere to be found!

Tsingl blinked—where did he go?
Then, like an arrow from the bow
The horse flew from the marketplace
And up the mountainside they raced.

They reached the top; said Tsingl, "Whoa!"
And with the magic ring just so
He turned it seven times around—
Then snow fell gently to the ground.

Next day, folks got out of bed,
Took a look outside and said,
"What is this?" How they did stare!
"Are those snowflakes in the air?"



ון זיי ווילן זיך ניט גלויבן,
טוען זיי אַ וויש די שויבן -
ווערט אַ שמחה, ווערט אַ פרייד!
— ס'אַראַ שניי האָט אָנגעשנייט.

זאָלן זיך די מענשן פרעהען,
ווי זיי ווילן און פאַרשטעהען,
זאָרגן האָבן זיי געהאַט!
וואו איז אָבער צינגל כוואַט?

זוכט די מאַמע: צינגל, צינגל...
רעדט זיך אויס אַ פלוידער-אינגל,
אַז אין בלאָטע צינגל שטעקט,
און דער שניי האָט אים פאַרדעקט.

נעמט די מאַמע וויינען, קלאָגן.
נאָר די קלוגע מענשן זאָגן:
לאָזט מען זיך אַזוי ניט געהן
דורכן מאַרק ביינאַכט אליין!



אָבער אַזאַ כוואַט, ווי צינגל,
און מיט אַזאַ כשוף-רינגל,
און מיט אַזאַ גוטן פערד -
און ס'איז קיילאַכדיג די ערד —

פליהט מען גיכער, פריי און זיכער,
ווי דער ווילדער ווינט און וויכער —
טאָל און באַרג און וואַלד און פעלד
אין דער ברייטער, ווייטער וועלט.

איז זיך צינגל פייל פון בויגן
אויפן פערד אַוועקגעפלויגן,
ווייטער, ווינטער פון דער היים,
ערגעץ אין דער נאַכט, אין רוים.



Well, do people have to worry?
Wake next morning in a hurry,
And they can't believe their eyes:
"What a snow came from the skies!"

"How can anyone explain?"
And they wipe their windowpane --
Joy and happiness in town:
"What a snow has fallen down!"

Let them thrill throughout the land
As they wish and understand,
But they took it all to heart:
Where is Funny Sonny Smart?

Mama searches: "Sonny, Sonny!"
Says a boy with words of honey:
"Oh, your Sonny's drowned in mire,
And the snow put out his fire."

They looked and looked—what a surprise!
They couldn't quite believe their eyes.
And then, they all began to cheer:
"At last, there's snow! The snow is here!"

The townsfolk wanted to rejoice,
But they asked, all in one voice:
"Where is Tsingl? Where's the boy?
Without him there'll be no joy!"

His mother went to find her son.
She called and called his name, 'til one
Schoolboy told her he was lost—
Stuck in mud beneath the frost.

How she wept, did Tsingl's mother!
People said to one another,
"Well, you see? It isn't right
To walk outside alone at night."

But worry not for Tsingl Khvat—
Remember now, that he has got
The noble's swift and trusty horse
And the magic ring, of course.

Tsingl and the horse fly fast
Like a whirlwind, rushing past
Mountains, forests, countryside—
Traveling the whole world wide.

Far away from home he flew,
And the winter followed, too—
Disappeared without a trace,
Off to yet another place.

Now, when winter comes to town,
And only rain comes pouring down—
And there is no snow to see,
As if the snow had ceased to be—

Then Tsingl and his horse take flight
So swiftly through the starry night
That no one ever really knows
Just when and where our Tsingl goes.

Tsingl and his horse fly fast,
Like a whirlwind, rushing past;
Riding through the marketplace,
Then, up the mountainside they race.

They stop when Tsingl calls out, "Whoa!"
And with the magic ring just so,
He turns it seven times around,
And snow falls gently to the ground.



אָבער ווען פון ווייטע וועגן
קומט דער ווינטער אָן מיט רעגן,
און קיין שניי איז ניט צוזעהן,
ווי קיין שניי וואָלט ניט געווען —

ווייזט זיך צינגל פייל פון בויגן,
פון דער נאכט ארויסגעפלויגן:
ניט געזעהן און ניט געהערט,
אויפן פריצ׳ס גוטן פערד.

און ער טראָגט זיך גיכער, זיכער,
ווי דער ווילדער ווינט און וויכער,
מיטן רינגל דורכן באַרג,
דורכן מאַרק און אויפן באַרג.

טפרוו דער פערד בלייבט שטעהן, און
צינגל
טוט אַ נעם דעם כשוף-רינגל,
טוט אים זיבן מאָל אַ דרעה
און עס פאַלט ארויס אַ שניי.

